[עס פֿעלן די ערשטע פֿיר זײַטן, ננ' 1—4, פֿון טאָגבוך. דאָרטן זענען משמעות געווען פֿאַרצייכענונגען פֿון די ערשטע צוויי טעג פֿון דער דײַטש־סאָוועטישער מלחמה, דעם 21סטן און 22סטן יוני 1941.]

יונגע־לײַט טוען אויס זייערע לעדערנע בגדים און מאַכן זיך „אייראָפּעיִש"[1]. אַלע קוקן זיך איינער דעם צווייטן אין די אויגן אַרײַן ווי איינער וואָלט וועלן פֿרעגן דעם צווייטן: וואָס טוט מען? וווּ טוט מען זיך אַהין?

פֿאַר די טויערן שטייען פֿיל מענטשן און קוקן סתּם אין דער וועלט אַרײַן. אָט זעט מען לויפֿן, עס לויפֿט דער, עס לויפֿט יענער.

וואָס טוט מען מיט זיך?...

ניט געווען קיין כּוח ווידער אַ מאָל צו נעמען דעם וואַנדער־שטעקן אין האַנט און לאָזן זיך אין וועג אַרײַן צו פֿוס. איך בלײַב. איך בלײַב מיט מײַן שוואָגער.[2] אויסגעטאָן די שווערע שיך, אויסגעפּאַקט דעם רוקזאַק — איך בלײַב!...

## איך נעם זיך שרײַבן

אַזוי וואַקלענדיק, וואַרפֿנדיק זיך ווי אַ פֿיש אין וואַסער, לויפֿנדיק פֿון זיך צו פּאַטין[3] און פֿון איר צוריק צו אַנדערע, באַשליס איך ענדגילטיק: איך פֿאַר־

---

[1] בעת דער הערשאַפֿט פֿון די סאָוועטן איז געווען די מאָדע צו טראָגן לעדערנע קורטקעס. דאָס האָט געהייסן, אַז מען איז „באָלשעוויזירט". איצט, בײַם ריכטן זיך אויפֿן אַרײַנמאַרש פֿון די דײַטשן, האָט יעדערער זיך באַמיט אָראָפּצוּוואַרפֿן פֿון זיך יעדן סימן וואָס וואָלט געקענט אַרויסרופֿן אַ חשד, אַז מען האָט געהאַט אַ שײַכות צו די „רויטע".

[2] הערש האָראָוויטש, דער ברודער פֿון הערמאַן קרוקס פֿרוי, פֿאַליע. ער איז געקומען פֿון וואַרשע קיין ווילנע ווי אַ פּליט. שפּעטער, אין געטאָ, געווען פֿאַרוואַלטער פֿון דער אַגודה־קיך. אַרויסגעפֿירט געוואָרן קיין עסטלאַנד (ש. קאַטשערגינסקי, חורבן ווילנע, ניו־יאָרק, 1947, ז' 211).

[3] פּאַטי קרעמער, פֿרוי פֿון אַרקאַדי קרעמער, ביידע האָבן געהערט צום פּיאָנערן־דור פֿון דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג — צום „בונד". ניט געקוקט אויף איר הויכן עלטער (געבוירן דעם 2טן יאַנואַר 1867) איז זי ביז איר לעצטן לעבנסטאָג געווען געזעל־שאַפֿטלעך אַקטיוו און איז די גאַנצע צײַט פֿון דער נאַצי־אָקופּאַציע געשטאַנען בראָש פֿון דער אונטערערדישער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין ווילנער געטאָ. בעת דער לעצטער ליקווי־דאַציע פֿון ווילנער געטאָ, דעם 23סטן סעפּטעמבער 1943, איז זי אָפּגעשיקט געוואָרן אויף